# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. 31, No. 2
OCTOBER, 1948

# Yom Kippur—the Day, or the Man?

**How are we Jews to know the truth about the Day of Atonement when the Rabbis teach us one thing and the Law of Moses the contrary? Every Jew should seek to know what the Word of God teaches.**

**By Philip J. Cogan, a Jew, who believes on the Lord Jesus Christ**

THE Rabbis are telling us that now while we Jews are in dispersion we do not need to bring sacrifice on the Day of Atonement. And if we fast, give alms, and confess our sins, God grants us forgiveness. The Jews of today really believe that the Day of Atonement itself has great power to forgive sins if we repent. The Rabbis instituted this on the ground that in the Torah this day is called "Day of Atonement." But this teaching is contrary to the law of Moses. The Torah declares plainly and clearly the purpose of the Day of Atonement. It is not the **day** that brings the atonement but the **sacrifices** of the day.

In Leviticus 16 the law commands which sacrifices shall be brought on the Day of Atonement, and there it is distinctly stated that the High Priest shall make an atonement for the congregation of Israel, thus to confirm that all the children of Israel become clean before God. We find in verse 30:

> "For on this day shall he make atonement on your behalf to cleanse you from all your sins before God and ye shall be clean." (Literal translation.)

Who shall make atonement? We read in verse 32 that the priest shall make the atonement. Also note, please, it is not said, "for this **day** shall make atonement," but, **"On this day** shall **he** make atonement." Therefore, you see from the Torah, the law of Moses, that it was only the sacrifices that had the power on that day to atone for the sins of Israel.

BLOOD ESSENTIAL—THE TALMUD ADMITS

We know from the clear witness of the Holy Scriptures that God is not changeable; for He said, Himself, "I am the Lord, I change not" (Malachi 3:6); He said also, "It is the **blood** that maketh an atonement for the soul" (Leviticus 17:11). Therefore, the prayers, the fasting, and the wailing on the Day of Atonement cannot bring forgiveness. The only way through which forgiveness can be found is **in the blood.** Even the Talmud is compelled to acknowledge this truth, for we read in treatise Iomma, chapter 1, page 5, "There is no forgiveness except by blood, as it is said, 'For it is the blood that maketh an atonement for the soul'."

Now let us thoroughly consider what God commands us to do on the Day of Atonement. The explicit instructions we find in the sixteenth chapter of the book of Leviticus. It was necessary to rest from work and to afflict the soul. The sacrifices must be strictly performed. On this day only of all the year could Aaron the high priest enter into the Holy of Holies within the vail. At first he had to take the blood of the bullock as an atonement for himself and all the priestly house and sprinkle it with his finger once upon the mercy seat eastward; and before the mercy seat seven times. Then he must kill a goat for the sin offering of all the people and do with the blood as he did with the blood of the bullock. Then he had to take a live goat, put both his hands upon him, and confess over him all the iniquities of the children of Israel, putting them upon the head of the goat, and sending him away into the wilderness.

PROFITS FOR THE PRIESTS?

Some of the Rabbis are stating that the blood never had the power to forgive sin, but that through the sacrifices the people expressed their subjection to God and their thankfulness to Him. Others are saying that the sacrifices were instituted only for business reasons in order to give a source of income for the priests! Others express the opinion that the blood that is lost during the time of fasting is a forgiving for sin! Still other Rabbis are saying that the killing of a hen or a chicken will be effective for the forgiving of sin. All these are human reasonings which are able only to bring despair. Every one lectures the way it suits him.

CHICKEN BLOOD CAN'T HELP

We believers in the Lord Jesus know we are in God's hand. **We have sinned.** And God was righteously angry with us. He says: "All we like sheep have gone astray" (Isaiah 53:6). "The soul that sinneth, it shall die" (Ezekiel 18:20), and, "It is the blood that maketh an atonement for the soul" (Leviticus 17:11). Not the blood of the sinner that he loses when he is fasting, not the blood of the hen or the chicken that is killed on the day previous to the Day of Atonement and which is afterward eaten.

If all these things had the power to forgive sins, God would have told us about it. Had Aaron the high priest spent that day of repentance only in fasting, in praying, in mourning and in lamenting and then had gone into the Holy of Holies, what do you think would have happened? The answer is that he would have dropped dead right on the spot! Now, tell me, my friends, by your pure reason: Can we dare hope to be saved under circumstances in which Aaron the high priest would have been killed?

Hear me, my friends: God is not a respecter of persons, and what is a law for one is a law for all. God created the nation of Israel with the purpose that the nation itself should first learn and then teach the world the way of salvation. "And ye shall be unto me a kingdom of priests, and a holy nation" (Exodus 19:-

## What Say the Rabbis of Messiah?

**Would you like to know why the 53rd Chapter of Isaiah is not read in the Synagogues today and why the Rabbis have eliminated the reading of it from their Sabbath services (Haftora)? Did you know that the Musaf Prayer of Yom Kippur corresponds almost word for word with Isaiah 53? Study this matter for yourself. Send us 5¢ in stamps and we will mail you a copy of our booklet, "An Astonishing Yom Kippur Prayer."**

**THE SHEPHERD OF ISRAEL, 236 West 72d Street, New York 23, N. Y.**

Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
PRINTED IN U.S.A.

6); and, "This people have I formed for myself; they shall show forth my praise" (Isaiah 43:21).

In the beginning—in the wilderness tabernacle, and afterward in the temple in Jerusalem—the daily and yearly sacrifices taught us and pointed out to us that we are sinners and that we have to have a forgiveness for our sins. There remains for us one of the two alternatives: Either the sinner must die or else a Substitute must be ordained by God to take his place.

THE PROMISE FULFILLED

The 110th Psalm prophesied that God would make a change in the priesthood according to the order of Melchisedek. This new priesthood, dear reader, is the priesthood of the Messiah. All the sacrifices point forward to Him. The sacrifices of animals could not have the value of human beings. The sacrifices of the animals only made a covering for sin. (The word "Kawfer" means to cover".) They were just like notes which we give every time to those to whom we owe something. Therefore, they were brought again and again, day by day, year by year. But when the Messiah came, He was the One, Who, by the shedding of His own human blood, redeemed the notes, taking upon Himself all the sins of the world, as we read in Isaiah 53:6, "And God hath laid on Him the iniquity of us all."

With the offering of Himself on the cross of Calvary and by the shedding of His blood, He established an eternal salvation to the end of the world. The Rabbis changed the teaching of Moses, by replacing it with their own teaching. Now, I am asking you, my friends, is it sensible, is it reasonable, to put your trust in man rather than in God?

God says: "It is the blood that maketh an atonement for the soul" (Leviticus 17:11), and in the New Testament we read that "In Him (the Lord Jesus, the Messiah) we have redemption through His blood, the forgiveness of sins, according to the riches of His grace" (Ephesians 1:7). "The blood of Jesus Christ, God's Son, cleanseth us from all sin" (I John 1:7). "Neither is there salvation in any other: for there is none other name under heaven given among men, whereby we must be saved" (Acts 4:12). This, my friends, is God's way and the only way. There is no other way. Receive the Lord Jesus Christ as your Saviour and you will have forgiveness of sin and eternal life. Do otherwise, and you are lost forever and ever. "Why should ye die, O house of Israel?" (Ezekiel 18:31). "The wages of sin is death; but the gift of God is eternal life through Jesus Christ our Lord" (Romans 6:23). "Believe on the Lord Jesus Christ and thou shalt be saved, and thy house" (Acts 16:31).

# A Yom Kippur Suggestion—Try It!

**Here is the answer to the Jewish headaches of the dark bitter centuries that have gone by. We are still in Golus. Our prayers have not gone beyond the ceilings of our Synagogues. Do you know why?**

1. Moses said:—

And it shall come to pass, when all these things are come upon thee, the blessing and the curse, which I have set before thee, and thou shalt call them to mind among all the nations, whither the Lord thy God hath driven thee. And shalt return unto the Lord thy God, and shalt obey his voice according to all that I command thee this day, thou and thy children, with all thine heart, and with all thy soul; That then the Lord thy God will turn thy captivity, and have compassion upon thee, and will return and gather thee from all the nations, whither the Lord thy God hath scattered thee. If any of thine be driven out unto the outmost parts of heaven, from thence will the Lord thy God gather thee, and from thence will he fetch thee: And the Lord thy God will bring thee into the land which thy fathers possessed, and thou shall possess it: and he will do thee good, and multiply thee above thy fathers. And the Lord thy God will circumcise thine heart, and the heart of thy seed, to love the Lord thy God with all thine heart, and with all thy soul, that thou mayest live. And the Lord thy God will put all these curses upon thine enemies, and on them that hate thee, which persecuted thee. And thou shalt return and obey the voice of the Lord, and do all his commandments which I command thee this day. Deuteronomy 30:1-8.

2. The Lord Jesus Christ our Messiah said:—

O, Jerusalem, Jerusalem, thou that killest the prophets, and stonest them which are sent unto thee, how often would I have gathered thy children together, even as a hen gathereth her chickens under her wings, and ye would not! Behold, your house is left unto you desolate. For I say unto you, Ye shall not see me henceforth, till ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord.

Matthew 23:37-39.

If the shoe fits, put it on! Our friends from among the nations of the world won't help us. The United Nations Assembly won't help us. But God can help us. You must however meet the conditions. What say you? How long are you going to remain blind? How long will you be led by the nose by leaders who are even telling us, through Isaiah 1:3, "The ox knoweth his owner, and the ass his master's crib: but Israel doth not know, my people doth not consider!" Does the ass know more than you do?


## AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.

Established by Leopold Cohn in 1894



HEADQUARTERS

LEOPOLD COHN MEMORIAL BLDG.

236 WEST 72nd STREET
NEW YORK 23, N. Y.

## COME TO OUR MEETINGS

AT 27 THROOP AVENUE, BROOKLYN

Tuesday 7:45 P.M.—Adult Bible Class
Friday 7:45 P.M.—Gospel Meeting

AT 236 WEST 72nd ST., NEW YORK

Sunday 4:00 P.M.—Gospel Meeting
Tuesday 7:30 P.M.—Jewish Missionary Institute

## VISIT OUR OTHER MISSIONS

Coney Island, N. Y.: 3116 Neptune Avenue. Pittsburgh, Pa.: 5813 Forbes Street. Philadelphia, Pa.: 717 Walnut Street. Los Angeles, Calif.: 2nd and St. Louis Aves. Des Moines, Iowa: 501 College Avenue. Denver, Col.: 1671 Washington Street. Columbus, Ohio: 134 Clinton Heights Avenue. Miami, Fla.: 244 S.W. 17th Court. Montreal, Quebec, Canada: 357 Laurier Avenue West. Hamilton, Ontario, Canada: 39 King William Street.

**40 Cents Worth For 25 Cents!**

Would you have the truth about the Messiah?

Send us 25 cents in coin or stamps and we will mail you a 40 cent New Testament in Yiddish or Engish.

Address:-
AMERICAN BOARD OF MISSIONS
TO THE JEWS, Inc.
236 West 72nd Street New York 23, N. Y.

טען, נישט דאָס בלוט פון דער הון אָדער פונ׳ם האָהן, וואָס מ׳קוילעט ערב יום כפור און נאָכער עסט מען עס אויף. ווען דאָס וואָלט געקענט פאַרגעבן זינד, וואָלט גאָט ב״ה אונז דאָס געזאָגט.

ווען אהרן הכהן וואָלט פאַרבראַכט דיזען טאָג פון תשובה בלויז מיט פאַסטען, מיט תפילות, מיט וויינען און קלאָגען און דאַן אַריין אין קדשי־קדשים, אַ שטעגער וואָס, דענקט איהר, וואָלט פאַסירט? דער ענטפער איז — ער וואָלט גלייך אויפ׳ן אָרט געטויטעט געוואָרען! איצט, זאָגט מיר, מיינע פריינד, קענט איהר האָפען געראַטעט צו ווערען אונטער די אומשטענדען, אונטער וועלכע אהרן דער כהן גדול וואָלט דער׳הרג׳עט געוואָרען?

הערט זיך אָן, מיינע פריינד! גאָט איז נישט קיין נושא פנים, און וואָס ס׳איז אַ געזעץ פאַר איינעם איז אַ געזעץ פאַר אַלעמען. גאָט ב״ה האָט באַשאַפען דאָס פאָלק ישראל מיט׳ן צוועק, אַז ס׳זאָל אַליין לערנען און דאַן צו לערנען די וועלט דעם וועג פון ישועה. „ואתם תהיו־לי ממלכת כהנים וגוי קדוש״ - און איהר זאָלט זיין צו מיר אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליג פאָלק /שמות י׳ט:6/. און „עם־זו יצרתי לי תהלתי יספרו״ — דאָס פאָלק האָב איך באַשאַפען פון מיינעטוועגען, כדי זיי זאָלען מיין לויב דערצעהלען /ישעיה מ׳ג:21/.

צו ערשט אין משכן, ווען דאָס פאָלק ישראל איז געווען אין דער מדבר, נאָכער אין בית־המקדש, האָבען די טעגליכע און יעהרליכע קרבנות אונז געלערנט און אָנגעוויזען, אַז מיר זיינען זינדיג און מיר מוזען האָבען אַ פאַרגעבונג פאַר אונזערע זינד. איינס פון די ביידע: אָדער דער זינדיגער מוז שטאַרבען, אָדער דער סובסטיטוט /ערזאַץ/, וואָס איז פאַרבערייטעט ביי גאָט.

### די הבטחה איז מקוים געוואָרען

דאָס 110טע קאַפּיטעל תהילים לערענט אונז, אַז גאָט ב״ה וועט מאַכען אַן ענדערונג אין דער כהונה „על־דברתי מלכי־צדק״—לויט דער פאַראָרדנונג פון מלכי־צדק. דיזע נייע כהונה, מיינע פריינד, איז די כהונה פונ׳ם משיח. אַלע קרבנות ציינגען־אָן צו איהם. די קרבנות פון בהמות האָבען נישט געקענט האָבען די ווערטה פון מענשען, וואָרים ס׳איז אונמעגליך, אַז דאָס בלוט פון אָקסען און ציגען זאָל אוועקנעהמען זינד. די קרבנות פון בהמות זיינען געווען בלויז אַ צודעק פאַר זינד /דאָס וואָרט „כפר״ מיינט אַ צודעק/. זיי זיינען געווען אַזוי ווי וועקסלען/נאָט־פאַפּירען/, וואָס ווערן געגעבן יעדענס מאָל צו די, ווען מען מ׳איז עטוואָס שולדיג. דאַרום האָט מען זיי מקריב געווען נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל, טאָג ביי טאָג און יאָהר ביי יאָהר. אָבער ווען דער משיח איז געקומען, איז ער געווען דער יעניגער, וועלכער האָט, מיט׳ן פאַרגיסונג פון זיין אייגען מענשליך בלוט, אויסגעלעהזט די וועקסלען, נעמענדיג אויף זיך אַלע זינד פון דער וועלט, אַזוי ווי מיר לייענען אין ישעיה נ׳ג:6 „וד׳ הפגיע בו את עון כלנו״ — און גאָט האָט אויף איהם געלאָזט טרעפען די זינד פון אונז אַלע.

די קרבנות, וואָס האָבען געטהון זייער אויפגאַבע, האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס בילד פונ׳ם קרבן משיח, וועלכער האָט מיט זיין זעלבסט־אָפּפערונג געבראַכט די פולע באַדייטונג און ענטשיידענהייט פון קרבנות און מיט דערמיט האָט ער פעסטגעשטעלט אַן אייביגע רעטונג ביז צו דער ענדע פון דער וועלט. די רבנים האָבען פאַרביטען די לעהרע פון משה רבינו אויף זייער אייגענער לעהרע.

פרעג איך אייך, מיינע פריינד, איז עס שכל׳דיג, איז עס פאַרלעסליך צו פאַרזיכערען זיך אויף מענשען איידער אויף גאָט?

גאָט ב״ה זאָגט: „כי הדם הוא בנפש יכפר״ — וואָרים ס׳איז דאָס בלוט וואָס איז מכפר פאַר דער זעעל /ויקרא י׳ז:11/ און אין ברית חדשה לייענען מיר: „אין איהם /דעם האַר ישוע המשיח/ האָבען מיר ערלעהזונג דורך זיין בלוט, די פאַרגעבונג פון זינד, נאָכ׳ן רייכטום פון זיין חסד״ /עפעזער א׳:7/. „דאָס בלוט פון דעם האַר ישוע המשיח רעניגט אונז פון אַלע אונזערע זינד״ /א יוחנן א׳:7/. „עס איז נישט פאַרהאַנען קיין ישועה אין קיין אַנדערען, וואָרים עס איז נישטאָ קיין אַנדער נאָמען אונטער דעם הימעל, וואָס איז געגעבן געוואָרען צווישען מענשען, דורך וועלכען מיר מוזען געראַטעט ווערען״ /מעשי השליחים ד׳:12/.

דאָס, מיינע פריינד, איז גאָט׳ס וועג, דער איינציגער וועג. עס איז נישטאָ קיין אַנדער וועג. נעהמט איהם־אָן און איהר וועט געראַטעט ווערען און האָבען חיי־עולם. וועט איהר איהם חס ושלום פאַרווייזען אָדער פאַרנאַכלעסיגען, וועט איהר זיין פאַרלוירען פאַר אייביג און אייביג. „ולמה תמתי בית ישראל?״ — און פאַרוואָס זאָלט איהר שטאַרבען, אוי הויזגעזינד פון ישראל? „דער שכר פון זינד איז דער טויט; אָבער די מתנה פון גאָט איז אייביגעס לעבען אין ישוע המשיח, אונזער האַר״ /רוימער ו׳:23/. „גלויב אין דעם האַר ישוע המשיח און דו וועסט געראַטעט ווערען, און דיין הויזגעזינד״/מעשי השליחים ט׳ז:31/.

# אַ יום כפור׳דיגער פאָרשלאַג - פּרוּבירט איהם!

## 1. משה רבינו האָט געזאָגט:

**„און עס וועט זיין ווען אַלע דיזע זאַכען וועלען איבער דיר קומען, די ברכה און די קללה, וואָס איך האָב פאַר דיר געגעבען, און דיין האַרץ וועט זיך דערמאָנען אין זיי צווישען אַלע פעלקער וואוהין דער האַר דיין גאָט האָט דיך פאַרשטויסען; און דו וועסט זיך צוריקקעהרען צו דעם האַר דיין גאָט און וועסט צוהערען צו זיין קול אין אַלעם וואָס איך טהו דיר היינט באַפעהלען, דו און דיינע קינדער, מיט דיין גאַנצען האַרץ און דיין גאַנצער זעעל; דאַן וועט גאָט ווידערקעהרען דיין געפאַנגענשאַפט און ער וועט זיך איבער דיר דערבאַרמען, און ער וועט צוריקקעהרען, און ער וועט דיך פאַרזאַמלען פון אַלע פעלקער וואוהין דער האַר דיין גאָט האָט דיך פאַרשפּרייט. אויב דו וועסט זיין פאַרשטויסען ביז צום עק הימעל, פון דאָרטען וועט דיך דער האַר דיין גאָט איינזאַמלען און פון דאָרטען וועט ער דיך נעהמען; און דער האַר דיין גאָט וועט דיך אַריינברענגען אין דעם לאַנד וואָס דיינע עלטערען האָבען גע׳ירש׳ענט, און דו וועסט עס ירש׳ענען, און ער וועט דיר גוטעס טהון און דיך מעהר מאַכען ווי דיינע עלטערען. און דער האַר דיין גאָט וועט באַשניידען דיין האַרץ און דאָס האַרץ פון דיינע קינדער, צו ליבען דעם האַר דיין גאָט מיט דיין גאַנצען האַרץ און מיט דיין גאַנצער זעעל, כדי דו זאָלסט לעבען.״/דברים ל:1־6/**

## 2. דער האַר ישוע המשיח האָט געזאָגט:

**״ירושלים, ירושלים, וואָס הרג׳עסט די נביאים, און שטייניגסט די, וואָס זיינען געשיקט צו דיר! וויפיעל מאָל האָב איך געוואָלט צונויפזאַמלען דיינע קינדער, ווי אַ הון זאַמעלט איין איהרע הינדלעך אונטער איהרע פליגעל, און איהר האָט נישט געוואָלט. זעהט אייער הויז וועט אייך בלייבען חרוב. וואָרים איך זאָג אייך, פון יעצט אָן וועט איהר מיך מעהר נישט זעהן, ביז איהר וועט זאָגען: געבענשט איז דער, וואָס קומט אין גאָט׳ס נאָמען״./מתתיהו כ׳ג:37־39/**

אויב דער שוך פּאַסט אייך, טהוט איהם אָן! אונזערע פריינד פון צווישען די אומות העולם וועלען אונז נישט העלפען. די פאַראייניגטע פעלקער וועלען אונז נישט העלפען. אָבער גאָט קען אונז העלפען. מיר מוזען אָבער באַפריעדיגען גאָט׳ס פאָדערונגען. וואָס זאָגט איהר?

---

## פאַרוואָס גלויבען מיר אידען, אין דעם ברית חדשה — דעם נייעם טעסטאַמענט?

**זעה, טעג קומען, זאָגט גאָט, און איך וועל שליסען מיט דעם הויז פון ישראל און מיט דעם הויז פון יהודה אַ ברית חדשה—אַ נייעם בונד (אָדער טעסטאַמענט). נישט ווי דער בונד, וואָס איך האָב געשלאָסען מיט זייערע עלטערען אין דעם טאָג ווען איך האָב אָנגענומען זייערע האַנד זיי אַרויסצופיהרען פון דעם לאַנד מצרים, וואָס זיי האָבען צושטערט מיין בונד כאָטש איך בין שוין געווען זייער מאַן, זאָגט גאָט. נאָר דאָס איז דער בונד (אָדער טעסטאַמענט), וועלכען איך וועל שליסען מיט דעם הויז פון ישראל נאָך יענע טעג, זאָגט גאָט, איך וועל גיבען מיין תורה אין זיי, און אויף זייער האַרץ וועל איך זי שרייבען, און איך וועל זיין זייער גאָט, און זיי וועלען זיין מיין פאָלק. (ירמיה ל׳א:30־32).**

AMERICAN BOARD OF MISSIONS
TO THE JEWS, Inc.
236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.

# יום כפור - דער טאָג
# אָדער דער קרבן?

| אנכי הוא הרעה הטוב | רעה ישראל<br>א מאָנאַטליך בלאַט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דינען משיח | The Shepherd of Israel<br>PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH | והקמתי עליהם רעה אחד<br>יחזקאל ל״ד, 23 |
|---|---|---|---|

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. 31, No. 2
OCTOBER, 1948

## יום כפור - דער טאָג אָדער דער קרבן?

פון פיליפּ קאָגאַן —
אַ איד וואָס גלויבט אין האַר ישוע המשיח.

**ווי אַזוי קענען מיר, אידען, וויסען דעם אמת וועגען יום כפור ווען די רבנים לעהרנען אונז איין זאַך און תורת משה פונקט דעם היפוך? יעדער איד האָט באַדאַרפט נאָכזוכען צו וויסען וואָס גאָט'ס וואָרט לעהרענט.**

די רבנים זאָגען אונז, אַז איצט ווייל מיר, אידען, זיינען אין גלות דאַרפען מיר מעהר נישט קיין קרבנות אין יום כפור; און ווען מיר טהוען פאַסטען און געבען צדקה און זיינען מתודה אונזערע זינד טהוט אונז גאָט ב״ה מוחל זיין. און אַזוי טהוען טאַקע אידען גלויבען, אַז דער טאָג יום כפור האָט אַ גרויסען כוח די עבירות מוחל צו זיין, ווען מ'טהוט תשובה דערביי. די רבנים האָבען דאָס מתקן געווען אויפ'ן גרונד וואָס דער טאָג הייסט אין דער תורה יום הכפרים. דיזע לעהרע אָבער איז אין גענענזאַץ צו תורת משה. די תורה ערקלעהרט אונז קלאָר און דייטליך דעם זינען פון יום כפור. נישט ד ע ר ט אָ ג טהוט די כפרה ברענגען נאָר ד י ק ר ב נ ו ת פון דעם טאָג.

אין דעם ספר ויקרא, קאַפּיטעל ט'ז, באַפעהלט די תורה וואָס פאַר אַ קרבנות מ'זאָל אין יום כפור מקריב זיין און זאָגט אויסדריקליך, אַז דער כהן גדול זאָל מיט די קרבנות מכפר זיין אויפ'ן גאַנצען קהל ישראל מיט דערמיט צו באַווייזען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל איז פאַר גאָט ריין געוואָרען. אַזוי ווי ס'שטעהט געשריבען אין פסוק ל':

> כי-ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ד' תטהרו.
>
> דאָס הייסט: וואָרים אין דיזען טאָג וועט ער מכפר זיין אויף אייך צו רייניגען אייך פון אַלע אייערע זינד פאַר גאָט און איהר וועט זיין ריין.

ווער וועט מכפר זיין? מיר לייענען אין פסוק ל'ב: „וכפר הכהן" — און דער כהן וועט מכפר זיין. אויך הייסט עס נישט „כי י ו ם הזה יכפר עליכם", דאָס מיינט, דער ט אָ ג זעלבסט זאָל מכפר זיין, נאָר עס הייסט: „כי ב י ו ם ה ז ה יכפר עליכם", ד. ה., אין ד י ז ע ן ט אָ ג וועט ער מכפר זיין. אַלזאָ, זעהט איהר, אַז נאָך תורת משה האָבען נאָר די קרבנות אין דעם טאָג געהאָט דעם כוח מכפר צו זיין אַלע עבירות פון ישראל.

### דער תמצית איז בלוט — טהוט דער תלמוד צוגעבען

מיר ווייסען, אויפ'ן גרונד פון די קלאָרע עדות פון די היילינגע שריפט, אַז גאָט ב״ה פאַרענדערט זיך נישט, וואָרים ער אַליין זאָגט: „אני ד' לא שניתי" — איך בין גאָט, איך פאַרענדער זיך נישט /מלאכי ג':6/. און אויך ער זאָגט: „כי הדם הוא בנפש יכפר" — וואָרים ס'איז דאָס בלוט, וואָס טהוט מכפר זיין פאַר דער זעעל /ויקרא י'ז:11/. דארום קענען די תפילות, דאָס פאַסטען און דאָס וויינען נישט ברענגען קיין פאַרגעבונג אין יום כפור, חוץ אויפ'ן גרונד פון פאַרגעבונג דורך בלוט. דער תלמוד טהוט בפירוש דאָס אונטערשטרייכען. אין מסכתא יומא, פרק א' דף ה', לייענען מיר: „אין כפרה אלא בדם, שנאמר: כי הדם הוא בנפש יכפר". ד. ה., ס'איז נישטאָ קיין פאַרגעבונג חוץ דורך בלוט, אַזוי ווי ס'שטעהט געשריבען: „וואָרים ס'איז דאָס בלוט, וואָס איז מכפר פאַר דער זעעל".

איצט לאָמיר גוט באַטראַכטען וואָס גאָט ב״ה זאָגט אונז צו טהוען אין טאָג פון יום כפור. די דייטליכע אָנווייזונגען, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין אין דיזען טאָג, געפינען מיר אין 16־טען קאַפּיטעל פון ספר ויקרא. מ'דאַרף רוהען פון אַרבייט, מ'דאַרף פייניגען די זעעל און די קרבנות מוזען שטרענג אָבגעהיט ווערען. אין דיזען איינציגען טאָג פון אַ גאַנץ יאָהר קען אהרן הכהן אַריינגעהן אין קדשי־קדשים פון יענער זייט פּרוכת. צו ערשט דאַרף ער נעהמען דאָס בלוט פונ'ם אָקס, אַלס אַ כפרה פאַר זיך און פאַר'ן גאַנצען הויזגעזינד פון די כהנים, און מיט'ן פינגער אַ שפּריץ געבען אויפ'ן כפרת צו מזרח־זייט און פאַר דעם כפרת — זיבען מאָל. דאַן מוז ער שעכטען אַ ציגעלע פאַר די זינד־אָפּפערונג פונ'ם גאַנצען פאָלק און טהון מיט'ן בלוט דאָס זעלבע. דאַן דאַרף ער נעהמען דאָס לעבעדיגע ציגעלע און אַרויפלנעגען אויף איהם ביידע הענד און מתודה זיין די זינד פונ'ם פאָלק ישראל און זיי אַרויפלעגען אויפ'ן קאָפּ פונ'ם ציגעלע און עס אַוועקשיקען אין דער מדבר.

### פּראָפיטען פאַר די כהנים?

איינינע פון די רבנים דרש'ענען, אַז דאָס בלוט האָט קיין מאָל נישט געהאָט די קראַפט פון זינד־פאַרגעבונג, נאָר מיט די קרבנות האָט מען בלויז אויסגעדרוקט אַז מ'איז אָבהענגיג אין גאָט און מיט זיי האָט מען בלויז אַרויסגעציינט די דאַנקבאַר־קייט צו גאָט. אַנדערע זאָגען, אַז דאָס איז בלויז געשאַפען געוואָרען פאַר געשעפט, כדי צו געבען באַשעפטיגונג און פרנסה פאַר די כהנים. אַנדערע ווידער זאָגען, אַז דאָס בלוט, וואָס מ'פאַרלירט בשעת מ'פאַסט, איז אַ פאַרגעבונג פאַר זינד און נאָך אַנדערע זאָגען, אַז כפּורות־שלאָגען איז אַ פאַר־געבונג פון זינד. אָבער דאָס זיינען בלויז סברות, וועלכע קענען נאָר ברענגען צו פאַרצווייפלונג. יעדערער דרש'ענט ווי עס לוינט זיך איהם.

### כפּורת־שלאָגען קען נישט העלפען

מיר אָבער, מאמינים אין האר ישוע המשיח, ווייסען, אַז מיר זיינען אין גאָט'ס הענד. מיר האָבען געזינדיגט. און גאָט איז ברוגז מיט אונז. גאָט ב״ה זאָגט: „כלנו כצאן תעינו"/ישעוה נ'ג:6/. אַלע האָבען געזינדיגט. און „הנפש החטאת היא תמית" /יחזקאל י'ח:20/. דער טויט איז די שטראָף פאַר זינד. „כי נפש הבשר בדם הוא — ווייל די זעעל פון דעם פלייש איז אין דעם בלוט. „כי הדם הוא בנפש יכפר" — וואָרים ס'איז דאָס בלוט וואָס איז מכפר פאַר דער זעעל./ויקרא י'ז:11/. נישט דאָס בלוט פונ'ם זינדיגען, וואָס ער פאַרלירט ביים פאַס־

Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
PRINTED IN U.S.A.